בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

וכל מאמינים

פרשת ויקהל

מאוצרות אמונים

פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

ישמח משה במתנת חלקו

"וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם ...שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ" (לה א-ב)

אין מסכת שבת (פח א) זאגן חז"ל אז נאך וואס די אידן האבן געזינדיגט ביים חטא העגל האט מען פון זיי אוועק גענומען די צווי קרוינען וואס זיי האבן באקומען ביים בארג סיני, ווען זיי האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', און עס זענען אריבער צו משה רבנו אזוי ווי עס שטייט (לג ו-ז) "ויתנצלו בני ישראל את עֶדְיָם מהר חורב... וּמֹשֶׁה יִקַּח אֶת הָאֹהֶל", און 'עדים' איז א לשון פון א צירונג, ד.מ. די קרוינען.

ברענגט דער **חיד"א** אין זיין ספר **'פני דוד'** אין נאמען פון די מקובלים, אז משה אלץ זיין ענווה וויל נישט נעמען די קרוינען איינגאנצן צו זיך, וועגן דעם גיט ער עס צוריק פאר די אידן יעדן שבת, און דאס דערקענט זיך דורך די נשמה יתירה וואס יעדער איד באקומט שבת.

א רמז אויף דעם זאגט דער חיד"א אין דעם פסוק:

"וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - נאכן חטא העגל האט משה צוזאם גענומען די אלע 'עדיים' - ד.מ. די קרוינען וואס מ'האט אוועק גענומען פון די אידן, אבער "וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם: שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ" - אז ענק וועלן צוריק באקומען די קרויענען אויף שבת.

מיט דעם ערקלערט דער חיד"א די נוסח התפילה פון שבת אינדערפריה: "ישמח משה במתנת חלקו ...כליל תפארת בראשו נתת בעמדו לפניך על הר סיני" - אז אין דעם טאג פון שבת איז די שמחה פון משה רבינו זייער גרויס ווייל ער האט ביי זיך נאר 'מתנת חלקו', די קרוינען וואס ער האט באקומען אויף זיין קאפ שטייענדיג ביים בארג סיני, אן די אלע קרויענען וואס ער האט באקומען שפעטער ביים חטא העגל.

ולא נתתו ה' אלוקינו לגויי הארצות

"וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ" (שמות לה ב)

א אינטערסאנטע באמערקונג ערוועגט דער **רבי ר' יונתן אייבשיץ** אין זיינע דרשות:

מיר טרעפן אז עס זענען פאראן פון די פעלקער וואס זענען מקיים אסאך פון די מצוות, אנדערשט איז די מצוה פון שבת, וואס כאטש וואס יעדע פאלק האט זיין טאג וואס איז באשטימט צו מנוחה, איז דער שבת'דיגע טאג נאר פאר די אידן.

און באמת איז זייער אויפפירונג אקעגן די גראדן שכל, ווייל אויסער וואס די טאג האט דער באשעפער גערוהט פון זיין ארבעט און דעם טאג האט ער געהייליגט און געבענטש מער פון אלע טעג, איז דאך נישט פאראן נאך א פאסיגע טאג אויף צו רועהן ווי דעם לעצטן טאג פון די וואך, נאך די זעקס ארבעט'ס טעג.

מוז זיין, זאגט דער רבי ר' יהונתן, אז די רצון ה' האט דאס אלעס צוגעפירט כדי די גוים זאלן נישט האבן קיין שום חלק אינעם הייליגן טאג, און וועגן דעם האט ער צוגעפירט אז זיי זאלן נישט באשטימען דעם טאג, כאטש ס'איז אנדערשט ווי די גראדע שכל זאגט. אויף דעם לויבן מיר ביי די תפילה פון שבת אינדערפריה: "ולא נתתו ה' אלקינו לגויי הארצות, ולא הנחלתו מלכנו לעובדי פסילים, וגם במנוחתו לא ישכנו ערלים, כי לישראל עמך נתתו באהבה - לזרע יעקב אשר בם בחרת".

'יערות דבש' ב ג

לערנט זיך פון וואס עס פאסירט ביי ענק

"קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה'" (לה ה)

די תורה איז אונז מרמז אז אויף יעדן איד ליגט א חיוב זיך אפלערנען פון וואס עס פאסירט מיט אים וויאזוי ער זאל פון דעם מוסיף זיין אין עבודת ה'; ווייל זייער אסאך מאל טרעפט זיך א מענטש ווי עס טוהט אים וויי אדער אפילו אויפגערעגט אויף זיינע קינדער וואס פאלגן אים נישט, אדער אויף זיינע באדינער וואס טוהן נישט אלעס לויט זיין ווילן. דאס זעלבע דארף א מענטש טראכטן אויף זיך אז ער איז ווי א קינד און א קנעכט צום אויבערשטן, און וויפיל צער ברענגט ער צו פאר השי"ת ווען ער איז עובר אויף זיין באפעל, סיי אויב ער איז חלילה נכשל אין מקיים זיין די מצוות, און סיי אויב ער האט נישט אינזין ביים דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און דורך דעם פארדארבט ער חלילה דעם 'לחם אלוקיו'.

און דאס איז מרמז די פסוק: "קְחוּ מֵאִתְּכֶם" - ענק זאלן נעמען מוסר און התעוררות פון וואס עס פאסירט מיט ענק, וואס וועט צוברענגען פאר ענק "תְּרוּמָה לַה'" - זיך צו דערהויבן אין עבודת ה'.

'קרבן העני'

רחל האט מתקן געווען די תפילת ראש חודש

"וַיָּבֹאוּ הָאֲנָשִׁים עַל הַנָּשִׁים כֹּל נְדִיב לֵב הֵבִיאוּ חָח וָנֶזֶם וְטַבַּעַת וְכוּמָז" (לה כב)

אין **'דעת זקנים'** פון די בעלי התוספות שטייט, אז אין די שכר וואס די פרויען האבן נישט געוואלט געבן זייערע צירונגען ביים חטא העגל, און פון די אנדערע זייט האבן זיי געגעבן מיט גרויס שמחה פאר די מלאכת המשכן, האבן זיי זוכה געווען אז די ראשי חדשים ווערט גערעכנט פאר זיי ווי א יום טוב, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ע (או"ח תיז) אז די פרויען פירן זיך אום ראש חודש נישט צו טוהן קיין מלאכות.

פון א אמן ווערט באשאפן א מלאך

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר" (לה ד)

די ראשי תיבות **'אל כל עדת'** איז בגימטריה **'אמן'**, און די ווארט **'לאמר'** איז ראשי התיבות 'לגבריאל, אוריאל, מיכאל, רפאל', די נעמען פון די פיר מלאכי השרת.

'נחלי יעקב' פר' ויקהל, וראה שם פר' בשלח

און די ווערטער איז זייער פאסיג צו די רמז וואס די קדמונים זאגן אז 'אמן' איז בגימטריה 'מלאך', צו לערנען אז פון יעדע אמן ווערט באשאפן א מלאך.

אין דעם ענין איז אינטערסאנט צו זעהן וואס דער **חיד"א** שרייבט (ברכי יוסף או"ח תכג ב) אין נאמען פון די ראשונים, אז די תפילה פון מוסף פון ראש חודש האט מתקן געווען רחל אמנו, ווייל זי האט געזעהן מיט איר רוח הקודש אז דער יו"ט וועט געגעבן ווערן פאר די פרויען אין אלע דורות, און איר נאמען איז אויך מרומז אין אנהויב פון די ברכה: "ראשי חדשים לעמך נתת...".

דאווענען אין די ערשטע געלעגנהייט

"וְהַנְּשִׂאִם הֵבִיאוּ אֵת אַבְנֵי הַשֹּׁהַם וְאֵת אַבְנֵי הַמִּלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן" (לה כז)

"מה ראו נשיאים להתנדב בחנוכת המזבח בתחילה, ובמלאכת המשכן לא התנדבו בתחילה? אלא כך אמרו נשיאים: יתנדבו ציבור מה שמנדבין, ומה שמחסרין אנו משלימין אותו... ולפי שנתעצלו מתחילה נחסרה אות משמם, 'וְהַנְּשִׂאִם' כתיב" (רש"י)

א אינטערסאנטע שאלה איז געפרעגט געווארן דער רדב"ז (שו"ת, ח"ד סי' א'פ"ז) פון איינער וואס איז געווען איינגעשפארט אין תפיסה, און נאך אסאך מוטשען און שתדלנות האט ער באקומען ערלויבעניש ארויס גיין איין טאג אין יאר צו קענען דאווענען מיט מנין; וועלכע טאג זאל ער אויסוועלן? פסק'נט דער רדב"ז ווייל מיר נעמען אן די כלל 'אין מעבירין על המצוות', וועגן דעם זאל ער ארויס גיין דאווענען מיט א מנין אין די ערשטע געלעגנהייט וואס ער וועט האבן, אויך אויב ס'איז נישט קיין חשוב'ער טאג.

א ראיה צו דעם פסק ברענגט דער גאון **רבי עקיבא יוסף שלעזינגער** דער **'לב העברי'** פון די רש"י וואס מיט דעם האבן מיר אנגעהויבן, ווייל דא זעהן מיר אויך אז מ'האט געהאט א טענה אויף די נשיאים וואס האבן זיך נישט צוגעאיילט צו ברענגען זייער נדבה, כאטש וואס זייער כוונה איז געווען לשם שמים. ווייל מיר האבן דעם כלל: 'אין מעבירין על המצוות', האבן זיי עס נישט געדארפט אפשטיפן, אויך אויף דעם חשבון אז שפעטער וועלן זיי עס קענען מקיים זיין מיט מער הידור.

'טללי אורות - שנים מקרא'

מיט מער דאווענען פויעלט מען אלעס

"וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל הַמְּלָאכָה לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר" (לו ז)

הרה"ק **רבי אברהם חיים פון זלאטשוב** דער בעל **'אורח לחיים'** איז געווען געוואוינט צו געבן סגולות פאר אלע וואס האבן זיך געוואנדן צו אים מיט א בקשה אויף א ישועה צי א רפואה; ווען הרה"ק **רבי צבי הירש פון זידיטשויב** האט זיך געוואונדערט אויף זיין מנהג וואס עס זעהט דאך אויס ווי א סתירה צו די כח התפילה, האט ער שארף געענטפערט: 'חז"ל זאגן דאך (דב"ר ח א) אז 'תפילה עושה מחצה', אויב אזוי, די צווייטע העלפט טוהן אויף מיינע סגולות'.

האט רבי צבי הירש אים געענטפערט: 'ווען א איד קומט צו מיר, דאוון איך איינמאל און נאכאמאל ביז עס ווערט שוין אויך די צווייטע העלפט...'

אויף דעם וועג וואס רבי צבי הירש האט געזאגט, פארענטפערט דער **'דברי ישראל' פון מאדזשיץ** וואס דער **'אור החיים'** הקדוש פרעגט אין אונזער פרשה, אז לכאורה די ווערטער 'דיים' וואס איז טייטש 'גענוג' און 'הותר' וואס איז טייטש 'איבעריג' זענען זיך סותר?

נאר מ'קען זאגן, אז ווען די אידן האבן געברענגט זייערע נדבות האבן זיי געדאווענט אז עס זאל ארויף גיין אויבן לרצון און די שכינה זאל קומען דא רועהן, און ווייל זיי האבן זיך געשטארקט צו דאווענען 'והותר' - אסאך מער ווי עס פעלט אויס, האבן זיי זוכה געווען צו 'והמלאכה הייתה דיים'.

אני מוסר נפשי!

"יעדער איד איז מחוייב זיך מוסר נפש זיין אויף ענטפערן אמן, און יעדער איז אויך מחוייב צו זאגן הויעך די ברכות כדי די הויזגעזינד צי אנדערע וואס שטייען נעבן אים זאלן הערן און קענען ענטפערן אמן

און א סימן אויף דעם איז: **'אמן'**
איז ראשי תיבות 'אני מוסר נפשי'"

(ספר הגן ודרך משה ליום יא)

ברכות השחר מיט א חברותא - אנהייבן דעם טאג מיט אמונה!

תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

די ברכה 'פוקח עורים', און 'מלביש ערומים'

איינס פון די צילן פון די ברכות השחר איז מיר זאלן צולייגן קאפ צו יעדע זאך אין אונזער לעבן און אין אונזער קערפער, זאכן וואס קוקן אויס ווי געוועגליכע זאכן וואס ווערן געטוהן יעדן אינדערפריה, אבער אין די זכות פון זאגן די ברכות ווערן מיר נתעורר צו פארשטיין ווי אזוי זיי ווערן באנייט יעדן אינדערפריה, נאר דורך דעם אויבערשטנ'ס גרויסע חסדים.

ווען מיר וועקן זיך אויף פון די נאכט שלאף, טוישט זיך אונזער קערפער פונעם פריערדיגן מצב פון שלאפן [וואס איז א זעכציג'סטל פון טויט] וואס אין דעם האט ער זיך געפונען, און ער הייבט אן נאכאמאל צו ארבעטן פרישערהייט; דאס איז דאס בעסטע צייט אריינקלערן אין דעם וואונדערליכן וועג ווי אזוי עס ווערט באנייט יעדע גליד פון אונזערע גלידער און יעדע זאך פון אונזערע געברויכן וואס דער אויבערשטער שטעלט אונז אלעס צו מיט א ברייטע האנט, און אים צו לויבן אויף דעם מיט א פולן מויל.

ה' פוקח עורים

יעצט, נאך וואס מיר האבן שוין געלויבט דעם באשעפער אויף דעם וואס מיר זענען באשאפן געווארן ווי אידן וואס די תורה און די מצוות באלייכטן אונז די וועג, טוהן מיר פארזעצן מיט לויב אויף די פריוואטע גוטע זאכן וואס מיר האבן זוכה געווען.

די ערשטע ברכה אין די סדר פון די ברכות איז די ברכה 'פוקח עוורים'. ביי די ברכה לויבן מיר אויף די מתנה פון זעהן וואס עס ווערט באנייט יעדן אינדערפריה נאך וואס אונזערע אויגן זענען געווען ווי בלינד ביים שלאפן, ווייל ווען מיר זענען געשלאפן, אויך אויב זיי וואלטן געווען געעפנט וואלטן מיר נישט געקענט זעהן (ע"פ אבודרהם).

וועגן דעם ווערט דער אויבערשטער אנגערופן מיטן טיטול: "פֹּקֵחַ עִוְרִים" (תהלים קמו ח), ווייל 'פוקח' איז פון די לשון חכמה און פארשטאנד, און מיט דעם לויבן מיר אויף דעם באשעפער'ס גרויסקייט, ווייל די אויג אליין איז ווי א שטיקל פלייש וואס זעהט נישט גארנישט, און נאר דעם אויבערשטנ'ס חכמה וואס ער לייגט אריין אין דעם יעדע מינוט, דאס ברענגט צו מ'זאל קענען זעהן ('ימלא פי תהלתך').

די וואונדער פון די כח הראיה

עס האט דערציילט הגר"י זילבערשטיין שליט"א: אין די תקופה וואס איך האב געלערנט אין די סלאבאדקא ישיבה האב איך באמערקט אויף איינעם פון די חברים, אז יעדן טאג איז ער אויפגעשטאנען א קורצע צייט פארן אנהויב דאווענען און איז ארויס פון די ישיבה, און ארום א פערטל שעה איז ער צוריק צו זאגן די סדר פון קרבנות און די פסוקי דזמרה. עס איז מיר געווען זייער אינטערסאנט, ביז נאך אסאך צייט בין איך געוואר געווארן דעם וואונדערליכן פאקט: אין דעם וועכטער'ס בודקע וואס איז געווען ביים אריינגאנג צו די דערנעבנדיגן פאבריק 'דובק', איז געזיצן א בלינדער וואס ער איז געווען געשטעלט אויף די אלע טעלעפאן קויל'ס פון די פאבריק. יענער בחור פלעגט זיך פלאגן יעדן טאג צו גיין א קוק טוהן אויף דעם בלינדער און דורך דעם איינערקענען אין די טיפקייט פון די מתנה פון זעהן וואס ער האט באקומען פון הימל, און נאכדעם צוריק גיין אין בית המדרש און זאגן די ברכה פון פוקח עורים מיט גרויס כוונה ('טובך יביעו', תזריע)

און טאקע אזוי, כדי צו לויבן ריכטיג אויף דעם וואונדערליכן כח פון זעהן, דארפן מיר אין דעם אריינטראכטן כאטש עפעס: מיר וועלן אנהויבן מיט דעם וואס דער חוש הראיה צושפרייט זיך אויף דעם גרעסטן פלאץ מער פון אלע חושים. די חוש ה'דיבור', און 'שמיעה' און 'ריח' זענען באגרעניצט אויף א קלענערע געגנט, אבער די אויגן קענען זעהן גאר ווייט.

אויסער דעם, דער כח הראיה נעמט אין זיך אריין זייער אסאך; אין געציילטע סקונדעס קען דער מענטש זעהן אומצאליגע איינצעלהייטן, וואס די מויל קען נישט רעדן און די אויער קען נישט הערן אין לויף פון עטליכע יאר - מיר זאלן נאר טראכטן וויפיל צייט וועט אונז געדויערן צו שילדערן דעם שיינעם האריזאנט וואס מיר זעהן ווען מיר קוקן אראפ פון א הויכן טורעם, די הייזער די ביימער און די מענטשן ('נפש שמשון' סידור התפילה).

די אויג אליין איז באשאפן מיט גאר א וואונדערליכע חכמה, אז אויך די גרויסע אויספארשער זענען נאכנישט דערגאנגען אויף אלע אירע שטריכן, אזוי ווי דער 'חזון איש' שרייבט אין אנהויב פון זיין ספר 'אמונה ובטחון': "וויפיל חכמה ליגט אין די אויג, עס וועט נישט זאט ווערן די אויג פון צו זעהן און די אויער פון צו הערן, און יעדן דור וועלן די קלוגע לייט צולייגן נאך עטליכע זאכן איבער די טיפע חכמה וואס ליגט באהאלטן אין די בריאה פון די אויג, אבער צו איר ענדע דערגרייכן זיי נישט".

נאך שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה': "ביי די ברכה פון פוקח עורים זאל מען עפענען די אויגן ביי די ענדע פון די ברכה. כאטש וואס דער מענטש זאגט די אלע ברכות מיט פארמאכטע אויגן, אבער ביים ענדע פון די ברכה זאל ער עפענען די אויגן, און זאל אינזין האבן מיט דעם צו ווייזן דעם אויבערשטנ'ס שטארקייט מיטן באשאפן די אויגן, **אז ער קען עפענען און פארמאכן די אויגן ווען ער וויל...**".

הכל בחזקת סומין

א ספעציעלע פונקט אויף וואס מיר דארפן לויבן ביי די ברכה ערקלערט דער 'שפת אמת', געבויעט אויף וואס חז"ל זאגן אין מדרש (ב"ר נג יד):"אמר רבי בנימין **הכל בחזקת סומין** עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם"; וואס דאס איז טייטש, אז אלע זענען ווי בלינד ביז השי"ת מאכט ליכטיג די אויגן, מיר דארפן וויסן אז אין דעם וועלט איז פארהאן אלע זאכן וואס פעהלן אויס צום לעבן, נאר מיר דארפן אז דער אויבערשטער זאל עפענען אונזערע אויגן מיר זאלן עס באמערקן.

ווייל עס פאסירט דאך יעדן טאג, נישט פונקט נאר ביי די וואס זענען שטארק אויסגעארבעט אין די מדת הביטחון, וואס ווען עס ווערט עפעס פארלוירן, צי עפעס דארפן מיר האבן זייער וויכטיג, און פלוצלינג עפענט השי"ת אונזערע אויגן און מיר באמערקן די ריכטיגע זאך אין די בחי' פון 'ה' פוקח עורים' ('ליקוטי יהודה', סידור התפילה).

און נאך מער פון אלעם דארפן מיר לויבן ביי די ברכה אויף דעם וואס יעדן טאג מאכט השי"ת ליכטיג אונזערע אויגן אין די תורה און אין חכמה און ער העלפט אונז צו מיר זאלן קענען פארשטיין אויך דאס שווערסטע זאך (מלבי"ם תהלים קמו ח, ע"פ דרכו של הספורנו שם).

נאך די ברכה 'פוקח עורים' צו די ברכה 'מלביש ערומים'

נאך וואס אדם און חוה האבן געגעסן פון דעם עץ הדעת שטייט (בראשית ג ז): "וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם וַיֵּדְעוּ כִּי עֵירֻמִּם הֵם וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת". וועגן דעם, נאך די ברכה פון 'פוקח עורים' אויפן זעהן וואס דורך דעם דארפן מיר גיין מיט קליידער, לויבן מיר נאכדעם די ברכה 'מלביש ערומים' אויף דעם וואס ער האט אונז צוגעשטעלט קליידער לויט אונזער געברויך (לחם רב השלם, ברכות השחר).

כדי מיר זאלן האבן קליידער וואס זאלן באשיצן און אכטונג געבן אויף אונזער קערפער, האט דער אויבערשטער באשאפן וואונדערליכע מאטריאלן וואס האבן אין זיך די נאטורן פון ווארעמען און באשיצן, ווי וואל, קאטאן און פלאקס, און אויסער דעם האט ער אויך אריינגעלייגט און אונז די חכמה צו קענען שפינען פאדעם פון די מאטריאלן, פון די פאדעם וועבן א שטאף, און פון די שטאף פאבריצירן קליידער ('ימלא פי תהלתך').

א קלייד ברענגט כבוד פארן מענטש

אויסער וואס די קלייד איז געמאכט צו ווארעמען און צוליב צניעות, ברענגט עס אויך כבוד פארן מענטש, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (שבת קיג א) אז רבי יוחנן האט אנגערופן זיינע קליידער - 'מְכַבְּדוֹתַי', ווייל דער קלייד גיט צו כבוד פאר דעם וואס איז אנגעטוהן מיט זיי, און וועגן דעם זאגן חז"ל אז עס איז פארהאן א ענין צו באשטימען מכובד'דיגע קליידער אויף שבת.

לייגט צו דער 'עולת תמיד': "די ברכה מלביש ערומים איז א לויב פאר ה' יתברך אויף די קליידער וואס ער האט צוגעשטעלט פארן מענטש. און דו זאלסט פילן וויאזוי דער אויבערשטער האט דיר צוגעגרייט אלע סארטן קליידער וואס פעלן דיר אויס, און אין די ווינטער טעג זאלסטו עקסטער לויבן אויף די ווארעמע קליידער און דעם דיקן מאנטל וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן".

מיר דארפן ספעציעל לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס מיר האבן גענוג קליידער אויף צו טוישן, און אויך ספעציעלע קליידער אויף ספעציעלע צייטן, און מיר דארפן נישט פארשעמט ווערן אזוי ווי אין דעם דור פון ר' יהודה בר אילעאי וואס זעקס מענטשן האבן זיך איינגעהילט אין איין בגד ('נפש שמשון'- סדור התפילה).

מיר וועלן ענדיגן מיט די תפילה פונעם בעל 'סדר היום': "והלביש עירומים להלביש אותנו בגדי ישע, אמונת תורתו התמימה, כן יהי רצון שלא נמוש מאמונתנו כל ימינו, ויסיר מעלינו הבגדים הצואים - מחשבות רעות והרהורים קשים, ונלך לפניו במלבושים נאים ומתוקנים שלא ירחיקנו ה' מאת פניו".

מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

דער שוהל וואס האט זיך אנגענומען אויף זיין שאנד

די ערציילונג וואס מיר האבן דא האט דערציילט דער צדיק רבי יוסף פון מעזיבוש, אין נאמען פון זיין גרויסן זיידע דער 'דגל מחנה אפרים' זצ"ל:

אין שטאט מעזיבוש האט געוואוינט א חשובער מענטש און א תלמיד חכם וואס האט געהייסן ר' בעריש בִּיעֶלַאִיאוֹס. דער ר' בעריש האט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד, וואס אֹויסער וואס ער איז געווען א תלמיד חכם און א ירא שמים, איז ער אויך געבענטש געווארן מיט עשירות און אסאך פארמעגן.

זיין רייכקייט איז נישט געקומען דורך זיין ארבעט און פלאג, ער האט זיך קיינמאל נישט אוועק גערירט פון בית המדרש. נאר זיין פרוי האט געפירט מיט חכמה און מיט סייעתא דשמיא א גרויסער פאבריק פון שטאף וואס האט געהאט א גוטן נאמען און פון דעם האבן זיי געהאט די עשירות.

ויהי היום, דער רב פון די שטאט מעזיבוש איז נסתלק געווארן, און ווייל אין יענע צייטן זענען די געגענטער אין פוילן געווען אונטער די הערשאפט פון די פריצים וואס האבן געטוהן מיט די איינוואוינער וואס זיי האבן געוואלט, האט דער פריץ פון יענע געגנט געלייגט א אויג אויף די ליידיגע שטעלע און האט באשלאסן עס פארקויפן אין א לעציטאציע פאר דעם וואס וועט ארויף ציעהן די פרייז.

די רעביצין, די פרוי פון ר' בעריש וואס זי איז דאך געווען זייער רייך, האט באשלאסן אז ס'איז שוין געקומען די צייט וואס איר מאן זאל גרויס ווערן, און אין אירע אויגן איז ער דאך אויך פאסיג געווען אויף דעם גרויסן פאסטן, איז ווען זי האט געהערט די פארשלאג האט זי נישט געטראכט צוויי מאל, נאר האט באלד אהין געגעבן פארן פריץ א ריזן סומע וואס האט אים האט צופרידן געשטעלט, און האט געשריבן א 'שטר מכירה' איבער די רבנות פון די שטאט און עס איר געגעבן.

ווען די געשריבענע און גע'חתמ'עטע שטר איז געווען אין אירע הענט, האט זי זיך געאיילט עס צו ווייזן פאר די ראשי הקהילה און אזוי אין א העלן טאג איז ר' בעריש געווארן דער רב אין שטאט.

די 'מעמד ההכתרה' איז פארגעקומען מיט גרויס פראכט, דער נייער רב האט באַצויבערט דעם עולם מיט זיין ערשטע דרשה צוזאם געשטעלט פון א פלפול און אגדה, ווען אין ענדע פון זיינע ווערטער זענען די פארזאמלטע אונטערגעשפרינגען פון די פרייליכע מעלדונג וואס ער האט געמאלדן אז אין די נאנטע טעג וועט מען אנהויבן צו בויען א נייע בית המדרש, וואס זיין פרוי די רעביצין איז מנדב, וואס דאס זאל זיין אנשטאט דעם אלטן בית המדרש וואס די אידן אין מעזיבוש האבן געדאווענט דארטן אין די לעצטע הונדערטער יארן.

*

עטליכע חדשים זענען אדורך פון ווען מ'האט אויפגענומען ר' בעריש אויף רב אין שטאט, און די בוי ארבעט פונעם נייעם בית המדרש האט זיך געענדיגט מיט גרויס פראכט און מ'האט שוין אנגעהויבן דארטן צו דאווענען, אבער דעמאלטס איז ר' בעריש פלוצלינג קראנק געווארן אויף א ביטערע קרענק, וואס די דאקטורים אין שטאט האבן נישט געקענט טרעפן א רפואה צו דעם.

מיט גרויס יאוש האט די רעביצין זיך געווענדן צו די גרעסטע פראפעסארן אין פוילן און זיי געגעבן א ריזן סומע אז זיי זאלן קומען אים אונטערזוכן, אבער זיי האבן אויך צוזאם געבראכן זייערע הענט מיט גרויס יאוש.

זי האט באשלאסן מיט גרויס וויטאג און צווייפלונג זיך ארויס לאזן אויפן וועגן קיין בראד, אין יענע צייטן האט דארט געוואוינט דער בעל שם טוב הקדוש, און זיין נאמען האט שוין אנגעהויבן פארשפרייט צו ווערן ווי א צדיק און א פועל ישועות בקרב הארץ.

ר' בעריש איז טאקע נישט געווען פון די חסידים, אבער פאר איר איז אויסגעקומען צו זיין עטליכע מאל אין בראד וועגן איר ביזנעס, דארט איז זי געוואר געווארן פון אירע נאנטע און באקאנטע איבער דעם צדיק וואס האט דארט געוואוינט, און זי האט שוין אנגעיאגט גיין צו אים און האבן פון אים א ברכה און א ישועה.

ווען די רעביצין איז אנגעקומען קיין בראד, האט זי צוגעאיילט אירע טריט צום הויז פונעם בעל שם טוב, דארט האט זי אראפ געלייגט פארן צדיק די פדיון-געלט אזוי ווי עס איז איינגעפירט, און באלד האט זי געשילדערט מיט ביטערע טרערן די צרה וואס האט איר אנגעטראפן ווען זי בעהט אז דער צדיק זאל דאווענען אז איר מאן זאל געזונט ווערן.

דער בעל שם טוב האט זיך אביסל פארטראכט און נאכדעם האט ער זיך אנגערופן: איך בין גרייט צו העלפן דיין מאן, אבער וועגן דעם דארף איך אליין אנקומען קיין מעזיבוש, דעריבער, דינג יעצט א ספעציעלע וואגן וואס מיט דעם וועל איך שנעל אנקומען, בעפאר עס וועט שוין זיין שפעט.

ווען דער בעש"ט איז אנגעקומען קיין מעזיבוש און האט געהאלטן ביים אריינגיין אין די הויז פונעם קראנקן, האט ער שוין געהערט אז דער רב גוסס'ט שוין רח"ל. די געזיכט פונעם בעש"ט איז פארטונקלט געווארן, אבער ער האט זיך נישט אפגעהאלטן און האט זיך געאיילט אריין גיין אין שטוב. אריינקומענדיג האט ער ארויף געלייגט זיין האנט אויף די מזוזה און האט באפוילן פארן קראנקן וואס איז געליגן אן זיך צו רירן: 'ר' בעריש, אזוי נעמט מען אויף געסט? מ'דארף דאך געבן שלום פאר א גאסט!'

צום גרויסן וואונדער האט דער קראנקער אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנט און עס דערלאנגט פארן בעש"ט. נאר דער צדיק האט זיך נישט געאיילט אראפ נעמען זיין האנט פון די מזוזה, און אנשטאט דעם האט ער זיך אנגערופן מיט וואונדער: 'אזוי ליגנדיג? עס פאסט דעם צו געבן שלום ליגנדיג?'

יעצט האט זיך די איבערראשונג געדאפלט אן א שיעור, ווען ר' בעריש דער גוסס האט זיך אנגעהויבן צוביסלעך אויפצוהייבן, ביז עס איז אים געלונגען זיך אויפזעצן אויפן בעט. ערשט דעמאלט האט דער בעש"ט אראפ גענומען זיין האנט פון די מזוזה, ער האט גענומען א בענקל און זיך אראפ געזעצט נעבן די בעט פונעם קראנקן.

עטליכע מינוט זענען אדורך בעפאר דער צדיק האט אנגעהויבן צו רעדן צום קראנקער וואס איז געזיצן אן קיין לשון: ר' בעריש, זאלסט וויסן, צוויי שטארקע קטרוגים שוועבן העכער דיין קאפ; דאס ערשטע איז אויף דעם וואס דו האסט אפגעקויפט די רבנות מיט געלט כאטש ס'איז נישט גרייט געווען פאר דיר - מיט דעם קענסטו זיך א עצה געבן דורך דעם וואס דו וועסט מוותר זיין אויף די רבנות.

אבער דאס צווייטע קטרוג איז נאך שטערקער: אויף דעם וואס דו האסט צוגעברענגט אז מ'זאל פארלאזן דעם אלטן בית המדרש וואו די אידן פון די שטאט האבן דארט געדאווענט נאנט צו דריי הונדערט יאר, כאטש וואס דו האסט געבויעט א נייע שוהל אנשטאט דעם, דאך איז די אלטע בית המדרש געקומען מיט א טענה פארן בית דין של מעלה, אז מ'וואלט נאך געקענט דאווענען דארטן אסאך יארן.

עס איז קלאר - האט דער בעש"ט צוגעלייגט - אז וויבאלד די קדושה פונעם בית המדרש איז נתעלה געווארן אין לויף פון די אלע יארן דורך די צעהנדליגע טויזנטער תפילות און ברכות, איז פאסיג אז מ'זאל ווייטער דארטן דאווענען.

צוליב די קטרוג האב איך נישט קיין אנדערע וועג נאר אז איך זאל זיך אריבער ציעהן פון בראד און קומען וואוינען אין מעזיבוש כדי אויפצולעבן דעם אלטן בית המדרש פון זיין פארלאזקייט.

און אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט אזוי איז געווען; ר' בעריש האט מוותר געווען אויף די רבנות און איז באלד געזונט געווארן פון זיין קראנקהייט. דער בעש"ט האט זיך אוועק געצויגן פון בראד און איז געקומען וואוינען אין מעזיבוש, און פון די טאג וואס ער איז אנגעקומען אהין ביז ווען ער נסתלק געווארן האט ער געדאווענט אינעם אלטן בית המדרש, און ביזן היינטיגן טאג ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען - 'די בית המדרש פונעם בעל שם טוב'.

קובץ 'שפתי צדיקים' ט, עמ' עג

עיצובים shay